בס"ד ע"י
הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

# הליכות החיים

חיי שרה - תולדות | שנת תשפ"ה לפ"ק | גליון תס"ט

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל


**גליון זה נתנדב**

**ע"י ידידנו הנדיב הנכבד שי'**
העומד לימיננו במסירות נאמנה לזכות את הרבים
**לזכותו ולזכות משפחתו לרפואות וישועות**

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו ובעד משפחתו החשובה
לראות רוב נחת מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא, ויזכו להמשיך בפעולותיהם
המבורכות להגדיל תורה ולהאדירה מתוך הרחבת הדעת

## הרוצה בתשובה

### אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (כו) ||

**אראפנעמען חלה פון "סאוער דאו"**

**שאלה: זיצנדיג אין בית הוראה, באגעגנט מען זיך אפט מיט דער נייער סארט שאלה וואס טרעפט זיך לעצטנס גאר אסאך, בפרט דאנערשטאג און פרייטאג.**

**וועלנדיג מקיים זיין די מצוה פון הפרשת חלה וואס איז אזוי טייער און באליבט ביי אידישע מאמעס, פרובירן פיל יעדע וואך, אדער כאטש יעדע פאר וואכן, צו מאכן א חלה-טייג כדי צו קענען אראפנעמען חלה. געווענליך מאכט מען א גרויסע טייג וואס האט אין זיך א שיעור חלה, אבער ביי "סאַוער דאָו", וואס איז לעצטנס שטארק פארשפרייט, מאכט מען געווענליך נישט אזויפל אויפאמאל, אדער מאכט מען באזונדערע קלענערע טייגן, וואס איז יעדן טייג איז נישטא קיין שיעור חלה.**

**עס וואלט געווען לתועלת פאר די נשים צדקניות, אז מ'זאל ארויסשרייבן די הלכות אויף למעשה ווי אזוי קען מען מקיים זיין די מצוה צו נעמען חלה פון "סאַוער דאָו" מיט א ברכה.**

**תשובה:** מען קען דאס טון אויף צוויי אופנים: א) פאר מען באקט אפ די חלות, זאל מען נעמען די שיסלען מיט די עטליכע טייגן וואס האבן צוזאמען א שיעור חלה און עס ארײנלייגן צוזאמען אין א זעקל, צ.ב.ש. א גרויסן גארבעדזש בעג, אזוי אז די כלים זאלן זיך אנרירן איינע די אנדערע, און אזוי איז זיך עס מצרף און מען קען אראפנעמען חלה מיט א ברכה.[1]

[עס איז נישט גענוג אז מען דעקט עס איבער מיט א טישטוך, ווייל אז עס ווערט נישט ארומגענומען געהעריג פון אלע זייטן איז זיך עס נישט מצרף און מען קען נישט חלה נעמען מיט א ברכה.]

ב) די צווייטע עצה איז, אז מען זאל אפבאקן די טייגן און דערנאך ארײנלייגן אלע אפגעבאקענע חלות אין איין זעקל און אראפנעמען א שטיקל פון איין חלה. אין דעם פאל, זאל מען שטארק אכטונג געבן אוועקצולייגן דאס שטיקל חלה אין א ספעציעלן זעקל אז עס זאל זיך נישט אויסמישן מיט אנדערע חלה און מען זאל נישט קומען עס צו עסן.[2]

◄

1. עי' שו"ת חייה"ל ח"א ובח"ג סי' ע"ט.
2. עי' מש"כ בספרנו שנה ראשונה בדיני הפרשת חלה.

## כל המוסיף מחול על הקודש מוסיפין לו חיים

שטייענדיג יעצט אין די ווינטער חדשים ווען דער זמן פון הדלקת נרות שבת ווערט פרי, געווענליך צווישן 4:00 און 4:45 אזייגער און צומאל איז מען נישט ריכטיג גרייט אין צייט, האט הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א, רב בית המדרש "ישמח משה" אין מאנסי נ.י. - אין א שמועס איבער'ן ענין פון מקבל שבת זיין פרי און נישט "ארײנפאלן אינעם שבת" - נאכגעזאגט א הערליכן געדאנק.

מ'זאגט נאך פון צדיקים "אויב מ'נעמט זיך פיר, העלפט דער אויבערשטער." - היינט זאגן מיר, "מ'נעמט זיך פאר", אבער אמאל פלעגט מען זאגן "מ'נעמט זיך פיר". דאס הייסט, אויב איינער נעמט זיך פאר צו זיין גוט, אדער טוט עפעס א גוטע זאך, העלפט אים תיכף השי"ת.

האט הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע אמאל געזאגט א מליצה וועגן אויפשטיין פארטאגס, אז אויב מען נעמט זיך "פיר" (ד.מ. אז מ'איז שוין וואַך פיר אזייגער פארטאגס), העלפט דער אויבערשטער...

ס'איז ידוע פון די ספרים הקדושים, אז מקבל שבת זיין פרי איז מסוגל אויף בני חיי מזוני. דאס זעלבע קען מען זאגן אויף מקבל שבת זיין פרי און נישט "ארײנפאלן אינעם שבת" - אז היות דער טאג איז קורץ, און ווינטער-צייט רוקט זיך דער זמן פון ליכט-צינדן יעדע וואך מיט אייניגע מינוטן צווישן פיר און פינף אזייגער, איז שטארק ריכטיג צו זיין גרייט פיר אזייגער. און אז "מ'נעמט זיך פיר", מ'מאכט זיכער אז פיר אזייגער ווען עס איז שוין נאנט צום שבת יעדע וואך ער"ש, זאל יעדער זיין גרייט צו אויפנעמען דעם שבת בכבוד הראוי, און זיין "כל מלאכתך עשויה", דעמאלס העלפט דער אויבערשטער!

איין וואך שפעטער נאך דעם שמועס, האט א אידישע מאמע ארײנגערופן און דערציילט: פארגאנגענעם פרייטאג (פרשת לך-לך תשפ"ה), האט א שכנ'טע איר גערופן צו פארן ערגעץ "שאפינג". הגם ס'איז נאך געווען פרי אין

**אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור**

**מדור זה נתנדב**

ע"י ידידנו הנכבד העומד לימיננו לזכות את הרבים
החתן **יצחק ברוין** הי"ו
בן ידידנו הנדיב הנכבד מוה"ר **פינחס** ני"ו
**לרגל שמחת נישואיו** - עב"ג **הכלה החשובה** תחי'
בת ידידנו מוה"ר **זלמן לייב ריינמאן** הי"ו
יהי רצון שיזכה לבנות בית נאמן בישראל ולרוות רוב נחת דקדושה מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

## ארויסגעדונגען די באשטעלטע צאל בעטן אין ווייניגער צימערן

**שאלה: פארגאנגענעם שמחת תורה, בין איך געקומען צו פארן צו מיין רבי'ן אויף יום טוב, און איך האב ארויסגעדונגען פון איינעם א דירה. איך האב געזאגט פאר יענעם אז איך דארף האבן א זיבן-שטוביגע דירה, ווייל איך האב ב"ה א קינדער-געבענטשטע משפחה און איך דארף א גרויסע דירה מיט אזויפיל און אזויפיל בעטן.**

**אנקומענדיג, האב איך געזען אז צוויי פון די שטיבער אין דער דירה זענען צוגעשפארט. איך האב אים אנגערופן און געזאגט אז מען האט געדעדט פון א זיבן-שטוביגע דירה, און דא האב איך נישט מער ווי דריי שלאף-צימערן. האט ער מיר געענטפערט, "האסט דאך געזאגט אז דו דארפסט אזויפיל און אזויפיל שטיבער וויבאלד דו דארפסט האבן כך-וכך בעטן. אין די צימערן וואס זענען אפן, האב איך אויסגעלייגט אזויפיל בעטן ווי דו האסט געבעטן."**

**איך האב געפילט בא'עוול'ט וויבאלד איך האב קלאר געזאגט איך דארף זיבן צימערן איך וויל וויסן אויב דער איד דארף מיר צוריקגעבן געלט.**

**נאך אן עגמת נפש איז געווען, אז קומענדיג מיט קליינע קינדער האב איך זיי געוואלט געבן שפילצייג צו שפילן, אבער איינס פון די צוויי פארשפארטע צימערן איז געווען דער "פלעי רום". דער איד האט מיר ערקלערט אז דאס פאריגע מאל וואס ער האט ארויסגעדונגען די דירה איז דאס שפילצייג דערנאך געווען נישט ריין און דערפאר וויל ער דאס נישט ארויסגעבן.**

**איז מיין שאלה, צי דארף ער מיר צוריקגעבן געלט וויבאלד איך האב אים קלאר געזאגט אז איך דארף זיבן צימערן, און צי איז ער גערעכט געווען מיט'ן פארשפארן דעם צימער מיט'ן שפילצייג, אדער וויבאלד מען קומט מיט קליינע קינדער קומט צו לאזן שפילן מיט'ן שפילצייג?**

**תשובה:** ווען מען דינגט א דירה, צאלט מען לויט דער צאל צימערן וואס מען דינגט ארויס, נישט לויט די בעטן וואס מען לייגט

◄

טאג, אין די פארמיטאג-שטונדן, האט די פרוי געענטפערט אז זי פארט נישט, ווייל זי וויל זיין גרייט אויף שבת פיר אזייגער.

"איך האב א זון," דערציילט די מאמע, "וועלכער האט עפעס א מיחוש, וואס די דאקטוירים האבן געזאגט אז מען וועט דאס אפשר דארפן אפערירן. פארגאנגענעם פרייטאג האב איך געבעטן השי"ת: מ'זאגט 'אז מ'נעמט זיך "פיר", העלפט דער אויבערשטער'. איך האב זיך גענומען 'פיר', בעט איך דיר, הייליגער באשעפער, העלף מיר!

"און א וואונדער!" פירט אויס די פרוי. "דער גאנצער מיחוש איז מיטאמאל געוואנציף פארשוואונדן געווארן. דאס קינד איז פולקאם געזונט און שטארק, אן קיין שום פראבלעם."

עס איז מקויים געווארן ביי איר וואס ס'שטייט אין "פרי מגדים": "כל המוסיף מחול על הקודש מוסיפין לו חיים", דער וואס לייגט צו צייט צום שבת, גיט מען אים צו לעבן!

## א דרשה פאר איין מענטש

די פאלגנדע וואונדערליכע מעשה האט דערציילט דער מגיד מישרים הגאון רבי יעקב גאלינסקי זצ"ל.

פאסירט האט דאס אין דער גרויסער שטאט באר שבע אין צענטער פון דרום ארץ ישראל. דארט האט משמש געווען ברבנות במשך פון צענדליגער יארן הגאון הצדיק המפורסם רבי ברוך טאָלעדאַנאָ זצ"ל, נאכדעם וואס ער האט געדינט אויפ'ן רבנות-פאסטן אין שטאט מעקנעס אין מאראקא און אוועקגעשטעלט דאס ארטיגע אידישקייט.

ווי נאר רבי ברוך איז געקומען קיין ארץ ישראל, האט זיין השפעה זיך אויסגעשפרייט אין די אלע ארומיגע שטעטלעך און ישובים. אדורכגענומען מיט אן אש קודש פאר כבוד שמים, איז ער געגאנגען פון ארט צו ארט מרביץ תורה זיין, פארשפרייטן דעם דבר ה' און מתקן זיין אומעטום וואס עס האט אויסגעפעלט להגדיל תורה ולהאדירה.

ביי איין אזא באזוך, איז ער אנגעקומען צו א ישוב נישט ווייט פון באר שבע, וואס די מערהייט איינוואוינער דארט זענען ליידער נישט געווען דעמאלט קיין שומרי תורה ומצוות. ער האט זיך דערוואוסט, אז עס פעלט אין דעם ישוב א מקוה טהרה, דער יסוד פון אידיש לעבן. ווי זיין שטייגער, האט ער זיך באלד גענומען צו דער הייליגער ארבעט און האט אנגעהויבן רעדן

## הַשׁוֹמֵר שַׁבָּת הַבֵּן עִם הַבַּת לָאֵ־ יֵרָצוּ

דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, מאך גרויסע פארזאמלונגען און טו דרש'ענען פאר זיי די הלכות פון שבת, כדי עס זאלן זיך לערנען פון דיר די קומענדיגע דורות זיך צו פארזאמלען יעדן שבת און לערנען דברי תורה פאר אידן, אז מיין נאמען זאל ווערן געלויבט צווישן מיינע קינדער.

(ילקוט ויקהל)

אזוי ווי הכנה אויף שבת ברענגט א ברכה און השפעה, אזוי אויך ווען מען לערנט די ענינים פון שבת וכו', ברענגט דאס א באזונדערע השפעה.

(תורת משה להחת"ס פ' בשלח)

טויזנטער משפחות לערנען פאַר הלכות שבת ביי סעודות שבת הלכה למעשה



פאר גרעסערע באשטעלונגען רופט 845-659-1547

**מדור זה נתנדב**

ע"י ידידנו ותומכנו היקר הנדיב הנכבד

**מוה"ר חיים רויזמאן הי"ו**

לזכר נשמת אביו הרב החסיד

**ר' ישכר בעריש ב"ר חיים ע"ה**

יא"צ י"ז מרחשון ת.נ.צ.ב.ה.

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל, יעמוד בעד הנדבן הח' לרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

אין די צימערן. אויב האט מען אפגעשמועסט זיבן צימערן און יענער האט דאס נישט צוגעשטעלט, דארף ער צוריקגעבן געלט.

**בנוגע דעם שפילצייג:** עס איז א שטארקע סברא אז ער דארף דאס נישט צושטעלן, ווייל אינעם פארדינגען די דירה זענען אריינגערעכנט נאר די זאכן וואס יעדער פארשטייט אז עס ווערט פארדונגען, ד.ה. די בעטן, בעט-געוואנט, וכדומה, אבער נישט קיין שפילצייג, און פונקט ווי מען פארשטייט אז אויב יענער האט נישט יעצט קיין שפילצייג אין שטוב דארף ער דאס נישט גיין קויפן, קען ער דאס אויך אוועקלייגן און מוז עס נישט ארויסגעבן. (אויב ער שטעלט דאס יא צו, איז עס א גרויסע גמילות חסד, אבער עס איז נישט קיין חיוב.)

## קידוש ווען די קינדער דאווענען נאך

**שאלה: עס מאכט זיך אסאך מאל אז בשעת איך קום אהיים פון בית המדרש פרייטאג צו-נאכטס אדער שבת צופרי האלטן נאך מיינע טעכטער אינמיטן דאווענען, און עס איז מיר שווער צוווארטן אויף זיי מיט קידוש. צי קענען זיי צוהערן און יוצא זיין קידוש אינמיטן דאווענען?**

**תשובה:** זיי קענען אויסהערן דעם קידוש און זאלן צולייגן קאפ און אינזין האבן יוצא צו זיין און ענטפערן אמן. אויב זיי האלטן ביי א פלאץ וואו מען טאר נישט מפסיק זיין און ענטפערן אמן, זאלן זיי אויסהערן און נישט ענטפערן אמן.

אויב זיי האלטן אינמיטן שמונה עשרה, איז ריכטיג צו ווארטן ביז זיי ענדיגן[3]. אויב עס איז שווער, קען מען מאכן קידוש ווען זיי ענדיגן איין ברכה, פאר'ן אנהייבן די אנדערע ברכה, און זיי זאלן אינזין האבן יוצא צו זיין און נישט ענטפערן אמן.

## גיין צום דאקטער פאר'ן דאווענען

**שאלה: איך ווארט שוין א לענגערע צייט צו באקומען אן אפאינטמענט ביי א דאקטער און יעצט האט זיך געמאכט א געלעגנהייט, אבער איך וועל פארפאסן צוליב דעם זמן תפילה. צי איז ריכטיג דאס צו טון?**

**תשובה:** אויב קען מען נישט באקומען קיין אפאינטמענט אין אן אנדערע צייט, הייסט דאס אן אונס און מען קען גיין כאטש מען וועט דאווענען נאכ'ן זמן תפילה[4] [באופן וואס מ'וועט נאך דאווענען שמו"ע פאר חצות].[5]

אויב מען קען אבער צוווארטן און גיין אין א אנדער צייט און נישט דארפן דאווענען נאכן זמן תפילה, צ.ב.ש. מען קען גרינג באקומען אן אפאינטמענט, אדער מען גייט פאר א "וועל וויזיט" און מען קען גיין אן אנדערס מאל, דארף מען צוווארטן, און עס איז נישטא קיין היתר צו פארפאסן צוליב דעם זמן תפילה.

אין אזא פאל, וואס עס איז נישט וויכטיג צו גיין דווקא יעצט, איז בכלל נישט ריכטיג צו גיין פאר'ן דאווענען (אפילו אויב מען וועט נאך קענען דאווענען פאר'ן זמן תפילה), וויבאלד עס איז אסור צו טון די אייגענע געברויכן פאר'ן דאווענען.

## דאווענען פאר'ן נץ החמה אדער נאכ'ן זמן תפילה

**שאלה: אויב מען האט א וויכטיגן אפאינטמענט ביי א דאקטער א.ד.ג., און**

⮜

מיט דער פארוואלטונג פון דעם ישוב און זיי אויפקלערן די וויכטיגקייט צו גרינדן א כשר'ע מקוה.

אין יענע צייטן, אנדערש ווי עס איז היינט צו-טאגס, האבן דאס רוב איינוואוינער אין די פארשידענע "מושבים" און "קיבוצים" נאכנישט געהאט קיין אייגענע קאר, און גיין אין מקוה איז געווען פארבונדן מיט א שווערע רייזע און זיך שלעפן מיט אויטאבוסן קיין באר שבע.

די אנפירער פון דעם מושב האבן אין פרינציפ מסכים געווען צום געדאנק פונעם רב צו בויען א מקוה. די הויפט-פראבלעם פונעם רב איז יעצט געווען: פון וואו נעמט מען די גרויסע געלטער צו בויען די מקוה, וואס טרייבט אריין אין הוצאות פון צענדליגער טויזנטער שקלים. דער רב האט נישט געהאט קיין שום קוועלער פון וואו צו דעקן אזעלכע קאסטן.

די איינוואוינער אין דעם מושב זענען, ווי געזאגט, מערסטנס נישט געווען קיין רעליגיעזע און האבן איבערהויפט נישט געוואוסט די גרויסע וויכטיגקייט פון א מקוה. כדי זיי צו מאכן אויפמערקזאם דערצו, האט דער רב באשלאסן צו פאררופן א גרויסע פארזאמלונג אין דער הויפט-שול אין דעם מושב און האלטן א דרשה אויפצוקלערן דעם המון עם וועגן דער הייליגקייט און צענטראלן חשיבות פון א מקוה פאר טהרת ישראל, און דאן ביים שלוס פון דער אסיפה מאכן א גרויסע געלט-אקציע פאר'ן בוי פון דער מקוה, אין וועלכן יעדער איינער פון דעם ישוב זאל נעמען א באדייטנדן אנטייל.

פאר דער הצלחה פון דער אסיפה, האט הרב טאלענאדא געטראכט, אז עס וואלט געווען פאסיג צו רופן אויך אן אשכנזישן בעל-דרשן, היות צווישן די איינוואוינער פון דעם ישוב זענען געווען אויך פיל אשכנזים, אזוי אז ער וואס קומט פון די ספרדישע קרייזן וועט רעדן צו די ספרדישע איינוואוינער, און דער אשכנזישער בעל-דרשן וועט אפעלירן און דערווארעמען די הערצער פונעם ארטיגן אשכנזישן ציבור.

אלס פאסיגן קאנדידאט פאר דעם צוועק איז אים געקומען אין געדאנק דער נאמען פון הגאון רבי יאנקעלע גאלינסקי זצ"ל, וועלכער איז געווען בארימט אלס מגיד מישרים וואס פלעגט ארומפארן פון פלאץ צו פלאץ מעורר זיין אידן מיט זיינע באגאבטע רעדעס וואס האבן געוועקט און געווארעמט אידישע הערצער.

רבי יאנקעלע האט אנגענומען די איינלאדונג און געזען דערין א גרויסע זכי' און הייליגע שליחות. די הכנות צום גרויסארטיגן אוונט זענען

3. כמבואר בדע"ת סי' רעג ס"ו, ת' שלמת חיים ועוד, עי' פסקי תשובות לסי' ריג.
4. וכשהולך קודם התפילה כדאי לומר מקודם ברכות השחר, ועכ"פ יאמר ברכת התורה, כמבואר בסי' פט ס"ג דיש מקילין לאחר שאמר מקצת ברכות.
5. כמבואר בסי' פט ברמ"א ס"א דאחר חצות אסור להתפלל תפילת שחרית, ויש מקילים בדיעבד אם הי' עד קודם חצי שעה לאחר חצות, וברע"א כתב דבהחצי שעה יתפלל בתורת תנאי, דאם הוא זמן מנחה יהא למנחה, וכשמתפלל מנחה יתנה שאם תפילה הראשונה היה למנחה יהא זה השלמה לשחרית, עי' פסק"ת אות י.
6. כמבואר סי' פט ס"ח לגבי יוצא לדרך, ומובן ממילא שהוא לאחר זמן משיכיר עי' מ"ב.

מדור זה נתנדב
לרגל ההילולא קדישא של
כ"ק הרה"ק רבי ישכר דוב
מבעלזא זצוק"ל
ביום כ"ב חשון - זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל
הונצח ע"י ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר אשר שפירא הי"ו

**מען קען דאווענען אדער פאר'ן נץ החמה אדער נאכ'ן זמן תפילה, וואס איז ריכטיגער?**

**תשובה:** דאווענען נאכ'ן זמן תפילה איז הארבער, און כאטש לכתחילה דארף מען דאווענען נאכ'ץ נץ, אבער אין דעם פאל וואס מען האט נישט קיין ברירה קען מען מקיל זיין צו דאווענען פאר'ן נץ.[6]

## ווי אזוי זיך צו וואשן נאכ'ן ביה"כ פאר א סעודה

**שאלה: אויב מען גייט אין בית הכסא און מען וויל באלד דערנאך עסן א סעודה, ווי אזוי וואשט מען זיך ביים ארויסקומען פון בית הכסא, און ווי אזוי וואשט מען זיך צו דער סעודה?**

**תשובה:** מען זאל זיך וואשן ביים ארויסקומען פון בית הכסא אָן א טעפל, נאר מיט'ן אונטערלייגן די הענט ביים סינק, אדער וואשן נאר די פינגערס און נישט די גאנצע האנט, און דערנאך זאל מען זאגן "אשר יצר" און דאן זיך וואשן צו דער סעודה ווי געווענליך, ווייל אויב מען וואשט זיך מיט א טעפל איז מען בדיעבד יוצא אויך פאר דער סעודה, אבער אויב מען וואשט זיך נישט מיט קיין כלי איז מען נישט יוצא נטילת ידים צו דער סעודה, וואס מוז זיין דווקא מיט א כלי.

אויב וויל מען זיך וואשן דווקא מיט א טעפל ביים ארויסקומען פון בית הכסא, זאל מען קלאר אינזין האבן נישט יוצא צו זיין דערמיט פאר דער סעודה, און דערנאך זאל מען מאכן די הענט אומריין, צב.ש. אנרירן די שיך, און דאן זיך וואשן געהעריג צו דער סעודה.

**איר קענט אריינשיקן שאלות און הערות צו 4592885mhh@gmail.com**
**אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170**

אריין אין פולן ברען. ריזיגע פלאקאטן האבן מיט פייערליכקייט גערופן די איינוואוינער פון שטעטל, אלע מענער און פרויען אָן אויסנאם, צו קומען זיך באטייליגן ביים גרויסן צוזאמענקום פאר קדושת ישראל, צו בויען א נייע הערליכע מקוה אין דעם ישוב, וואס וועט באערט ווערן מיט דער אנוועזנהייט פון הרב הצדיק רבי ברוך טאלעדאנא, דער רב פון באר שבע, וועלכער וועט מיט פאסיגע ווערטער שילדערן די געהויבנקייט און הייליגן באדייט פון א מקוה טהרה, און מיט דער פערזענליכקייט פונעם אשכנזישן "עהרן גאסט", דער באוואוסטער מגיד רבי יאנקעלע גאלינסקי, וועלכער וועט האלטן די פארזאמלטע באגייסטערט מיט א וואונדערליכע רעדע.

אין דעם באשטימטן טאג פון דער געפלאנטער אסיפה, איז הרב טאלעדאנא אנגעקומען צום מושב. אריינקומענדיג אין דער גרויסער שוהל, האט ער ערווארט צו טרעפן דארט א גרויסן פארזאמלטן עולם, אבער באגעגנט האט ער דארט - בלויז איין מענטש. אין דער ווייבער-שוהל איז געווען איין פרוי, זיין ווייב. זיי זענען געווען די איינציגע פון דעם ישוב וועלכע האבן זיך אפגערופן און געקומען צו גיין צו דער "גענעראל פארזאמלונג"... אלע אנדערע איינוואוינער האבן ארויסגעוויזן אן אפענע גלייכגילטיגקייט און זענען בכלל נישט אנגעקומען צו דער אסיפה. זיי האבן פארשטאנען פון צווישן די שורות, אז נאך דער אסיפה און די שיינע דרשות וועט פארקומען א קאמפיין וואס וועט עפעס פאדערן פון זיי... האבן זיי באשלאסן נישט צו קומען.

אין יענע צייטן האט דאס שנאת הדת ליידער געבושעוועט מיט דער פולער קראפט אין ארץ הקודש. דער גרעסטער טייל פון דער באפעלקערונג איז נאכגעשלעפט און פארפירט געווארן פון דער פרייער פרעסע, וואס האט פארשפרייט שנאה און העצע קעגן תורה-אידישקייט. דאס האט געהאט א שעדליכע השפעה אויף די פשוט'ע מאסן וועלכע האבן זיך דערווייטערט פון יעדן שפור וואס האט געשמעקט מיט אידישקייט. א מקוה טהרה מיט דרשות פון רבנים האבן זיי נישט באזונדערס פאראינטערעסירט...

די אנטוישונג איז געווען א ביטערע. הרב טאלעדאנא איז געשטאנען אויפ'ן מזרח-ארט אין שוהל צוזאמען מיט הרב גאלינסקי און געווארט, אפשר וועלן נאך איניגע אידן אנקומען, אבער עס איז געווען א שאד דאס

בס"ד
פינת צדקת צדיקי הדורות
נוסד בשנת תק"צ
חבת ירושלים
ואהבת ציון אל תשכח לנצח
בית הכנסת
על קבר רבי מאיר בעל הנס
ע"כ באתי גם אני בדרכי רבוה"ק בקריאה קדושה... להתמיד בצדקה קדושה זו שנתקדשה מדור דור... ולפקדה בעין יפה, וכבר אתמכי צדקת רמבעה"ן לרפואות וישועות וכו'
מדברי מכתב קדשו של כ"ק מרן אדמו"ר מפשעווארסק הרה"ק רבי יאנקעלע זי"ע נשיא כוללנו באירופה
דינער 'ליל התקשרות'
וסעודה לקראת היומא הילולא קדישא ז"ך חשון
מוצשב"ק חיי שרה, באולם קאנטינענטאל, בעיר וויליאמסבורג

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד

מוה"ר **יצחק אהרן ריכטער** הי"ו

לרגל שמחת נישואי בתו **הכלה החשובה** תחי' - עב"ג החתן **שמואל אפרים זלמן** נ"י
בן הרה"ג **ר' הערשל איינהארן** שליט"א דומ"ץ תוי"י בית שמש

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל, יעמוד בעדו
לרוות רוב נחת דקדושה מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

## מכתב בענין "מי שקנה אתרוג ונתאנה ביתר משתות"

אל מע"כ הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א, מו"ץ בשיכון סקווירא ויו"ר מכון **'הליכות החיים'** הנודע לתהילה לכל ואין צורך להאריך בשבחים.

ועל של עכשיו באתי לעורר במה שכתבתם בגליון תס"ח, בענין **אחד שלקח אתרוג, ונתאנה בהרבה יותר משתות, וכתבתם שיכול לתבוע אונאתו, כיון שהוא יותר משתות.**

ולענ"ד יש לעיין בזה טובא, דהנה הדין ביתר משתות הוא שהמקח בטל לגמרי (שו"ע רכז ד), וכתבו הטור (שם ס"ו) והסמ"ע (סק"ו), דביתר שתות אין ביד המתאנה לתבוע אונאתו, דהמאנה יכול לומר לו או חזור במקחך או יהיה בידך כמו שקניתהו, וא"כ, בנידון דידן הרי אין הלוקח יכול לתבוע אונאתו, אלא שיכול לבטל המקח וכנ"ל, ואם יבטל המקח הרי יתברר למפרע שלא יצא ידי חובתו במצוות אתרוג, שלא היה 'לכם' (אבל אם לא יבטל המקח, אז אף שהיה אונאה ביתר משתות יצא ידי חובת אתרוג, כי בריצוי של המתאנה מתקיים המקח למפרע אפילו ביתר משתות כמו שכתבו כמה אחרונים, ראה סמ"ע שם סק"ח ונתיה"מ סק"א, ועי' באריכות בשו"ת דברי מלכיאל ח"ב סי' פה אות ו' ולהלן, וע"ע מחנ"א אונאה סי' יב).

והנה, באמת יש לומר דנידון דידן לא דנינן בדין ביטול מקח, אלא חייב להחזיר מה שהוא יותר מכדי אונאה, וכמוש"כ מע"כ, והוא עפ"י מש"כ בתרוה"ד (שיח), הובא בסמ"ע (שם ס"ק ס"ד) לענין פועל שנתאנה (היינו פועל קבלן דיש בו אונאה), דכיון שכבר נעשית מלאכתו ואינו יכול להחזיר כלום, מחויב המאנה להחזיר המעות כשהוא יותר משתות. ולפי"ז י"ל, דה"ה כאן, דכיון דאין האתרוג שוה כלום אצל המוכר אחר החג, וכן כיון שאין הברירה ביד הלוקח לבטל המקח, דא"כ יתברר למפרע שלא יצא מצוות ד' מינים וכנ"ל, א"כ זה נחשב כאין המקח בפנינו, דחייב המאנה להחזיר הממון להמתאנה אף אם אין מחזיר לו המקח.

אך עדיין אין הדבר מספיק, דעד כאן לא מצינו דבאופן שאינו יכול להחזיר המקח נשתנה הדין, רק לענין שיוכל הלוקח לתבוע אונאתו (למרות דבסתם מקח אינו יכול לתבוע אונאתו כל זמן שאינו מחזיר המקח, וכנ"ל), אבל שיתקיים המקח למפרע באופן שאינו יכול להחזיר המקח, זה לא שמענו, ומסתבר שיכול המוכר לומר, אם תרצה בקיום המקח, איני מחזיר לך כלום, כי באופן שהמקח מתקיים אין על המאנה להחזיר כלום, ויש לצדד לכאן ולכאן (דמאידך י"ל, דהטעם דביותר משתות אינו יכול לתבוע אונאתו, היינו משום דכיון דהברירה בידו לבטל המקח אינו יכול לקיים המקח ולתבוע אונאתו, משא"כ בנד"ד דאונס הוא לקיים המקח, ומה גם דהמוכר הוא שהוליד האונס, א"כ ודאי מסתבר שנדון בזה שיכול לקיים המקח ולתבוע אונאתו, דהוי כאין המקח לפינינו להחזיר, ויש לפלפל בזה ואכ"מ). עכ"פ כיון שתלוי בזה אם יצא הלוקח מצוות עשה דאורייתא, לכאורה אין להקל בזה, דמה"ת לחדש מדעתינו דין שלא הוזכר בפוסקים.

ועכ"פ אם הכיר הלוקח ביום ראשון דחג בהטעות, בודאי טוב לו שיקיים מצוות ד' מינים על אתרוג שיקבל מאחר במתנה ע"מ להחזיר, ואז יוכל לבטל המקח לגמרי, ומיום השני והלאה יכול לברך על האתרוג שקנה אף ששייך למוכר (שהרי ביטל את המקח), כי מיום השני יוצאין באתרוג שאולה, וודאי מותר לו לשאול האתרוג שלא ברשות המוכר, דניחא לי' לאינש למיעבד מצוה בממוני' (עי' נימוק"י ב"ב מד:, הובא בקצוה"ח רסב א, שכ"כ בנידון דאתרוג), וכ"ש בנידון דידן שאין האתרוג שוה כלום אצל המוכר (אבל מאידך י"ל, דבסוחר לא ניח"ל, שגם באמצע החג הוא מוכר אתרוגים, ותלוי במציאות. ועכ"פ זה ודאי שיכול לברך עליו ע"ד לשלם כפי השער ששוה ליקח אתרוג באמצע החג), ואחר החג יתבע מעותיו מהמוכר (ויל"ע אם יכול לתבוע כל ממונו כדין ביטול מקח, או יכול לתבוע רק מעותיו שנתאנה, כיון שאין האתרוג שוה כלום אצל המוכר וכנ"ל).

**בברכה: אברהם שלמה פדווא**
**מלומדי 'כולל חו"מ דשיכון סקווירא'**

ווארטן. זיי האבן שוין געזען אז קיינער מער וועט נישט אנקומען און עס איז נישטא אויף וועמען צו ווארטן.

דאן האט רבי יאנקעלע אויסגעדריקט זיין מיינונג צום רב, אז דאס עצם שטיין און ווארטן אזוי לאנג אין בית המדרש פאר גארנישט איז א באליידיגונג פון כבוד התורה און דאס גלייכסטע וואלט געווען זיך ארויסזען פון דארט וואס שנעלער כדי צו פארמיידן דעם גרויסן בזיון.

רבי ברוך האט אבער אנדערש געהאלטן. עס האט קיינמאל נישט עקזיסטירט ביי אים אז ער זאל כאפן התפעלות און צוריקציען פון עפעס אין זיין עבודת הקודש. ער האט זיך נישט געשראקן פאר קיינעם און האט געטון וואס ער האט געהאלטן פאר ריכטיג, נישט קוקנדיג אויף קיין שום שטער און אפהאלט. ער האט ערקלערט מיט אנטשלאסנקייט אז מען טאר אויף דעם מעמד נישט מוותר זיין.

"אפילו פאר אן איינציגן איד איז מען מחלל שבת. אז מען וואלט געדארפט, חלילה, רופן אן אמבולאנס אינמיטן שבת צו ראטעווען איין איד, וואלט מען באלד אזוי געטון אָן איבערקלערן. איז פארוואס זאלן מיר נישט פראווען די אסיפה אפילו בלויז פאר דעם איינעם איד וואס איז דא ערשינען. מען קען נישט וויסן און אפשאצן קיינמאל די אינערליכע כוחות און די ווערד פון איין-איינציגן אידן!" האט ער גע'טענה'ט.

רבי יאנקעלע האט אנגענומען דעם פסק און איז פארבליבן מיט'ן רב אין שוהל. די אויפריכטיגע ווערטער און פעסטקייט האבן אנגעצונדן אין אים א הייליג פייער, און אויפ'ן רב'ס אנווייזונג איז ער ארויף אויפ'ן באלעמער און האט אנגעהויבן זאגן א פלאם-פייערדיגע דרשה... א שטייגער ווי ער וואלט געשטאנען און גערעדט פאר טויזנט מענטשן.

נאכ'ן פארענדיגן די פייערליכע דרשה, האט מער נישט אויסגעפעלט אז הרב טאלעדאנא זאל אויך רעדן, ווייל עס איז נישט געווען קיינער פון די ספרדישע אידן אין שוהל. דער איינציגער איד וואס איז געווען דארט איז געווען אן אשכנזישער.

די אסיפה האט זיך "געשלאסן", און די רבנים האבן זיך געגרייט אהיימצופארן. דאן איז דער איד וואס האט זיך דארט געפונען צוגעגאנגען און זיך הערצליך באדאנקט צו די רבנים, און האט געפרעגט צי עס וואלט אפשר מעגליך געווען צוואווארטן א מינוט, אז זיין פרוי וועלכע איז אין דער ווייבער-שוהל זאל קענען צוקומען נעמען ביי זיי א ברכה. ער איז געגאנגען איר רופן, און גייענדיג האבן זיי עפעס געשמועסט צווישן זיך. דאן זענען זיי צוגעקומען און האבן זיך געוואנדן צו הרב טאלעדאנא. זיי האבן זיך פארגעשטעלט פאר אים און געזאגט:

"מיר זענען א פארפאלק, איבערלעבער פון קריג, און ערהאלטן יעדן מאנאט א שיינע סומע 'פארגיטיגונגס-געלטער' פון דער דייטשישער רעגירונג. געלויבט דער אויבערשטער, מיר האבן געפונען דא אין ישוב אונזער היים, און עס לעבט זיך אונז לגמרי נישט שלעכט. מיר וואלטן זיך געקענט אויסקומען אויך אָן די פארגיטיגונגס-געלטער פון דייטשלאנד. ווי עס זעט אונז אויס, האלט זיך אויף דאס בויען די מקוה דא צוליב א מאנגל אין געלט. ווילן מיר יעצט, פאר'ן בויען די מקוה, צושטייער געבן די אלע 'ווידערגוטמאכונגס'-געלטער פון די דייטשן, און זאל דאס זיין די רעכטע נקמה אין דעם צר הצורר

# ממונם של ישראל

## שו"ת בין אדם לחבירו

**הפצת הגליון נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד איש טוב ומטיב

**מו"ה ר' מנחם מענדל סופר הי"ו**

**לרגל שמחת הולדת בנו למז"ט**

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו שיזכה לרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח

ולהמשיך בפעולותיו לדאוג ולעזור לאחינו בני ישראל מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

### הכניס טשע"ק בבאנק לפני הזמן ועי"ז גרם קנסות לחבירו

לכבוד המערכת החשובה "הליכות החיים", שי'.

שאלה: **לאחרונה קניתי אצל חבירי שמעון חפץ יקר, ושילמתי לו בטשע"ק אך אמרתי למוכר שלא יכניס הטשע"ק בבאנ"ק עד יום פלוני, כי עדיין אין לי כעת באקאונ"ט שלי ממון מספיק לזה, וגם עשיתי סימן ניכר על הטשעק. ואחר זמן שכח שמעון המוכר מזה כי טעה בטשעק"ס אחרים שהגיע זמנם וכדו', והלך והכניס הטשע"ק שלי לבאנ"ק לפני הזמן שקבעתי עמו, ומתוך כך גרם שחמש טשעק"ס - שנתתי לאחרים לפני כן - שנכנסו לאקאונ"ט שלי אחרי זה הוחזרו מן הבאנק כיון שלא הי' כיסוי עליהם. ועל ידי זה קנס אותי הבאנק לשלם $25 על כל אחד מחמש הטשעקס שהוחזרו (הנק' return fee), סך הכל $125 דאלער. וכשהודעתי לשמעון על הדבר, התנצל לפני כי מרוב טירדא שכח את התנאי והכניסו ביחד עם טשעק"ס אחרים שהיו בידו.**

**ויש לשאול, האם חייב שמעון המוכר - שפשע והקדים להכניס הטשע"ק לפני הזמן - לשלם הקנס על כל הטשעק"ס שהוא גרם שיוחזרו, או שהוא פטור כיון שאינו אלא גורם ולא התכוון להזיק, מהו הדין?**

**תשובה:** נראה דלצאת ידי שמים חייב לשלם, אמנם יש להתפשר ביניהם.

דהנה דבר זה הוא רק גרמא, דאינו ברי הזיקא שאז הי' דינו כ'גרמי' דהוה כמזיק שחייב גם בדיני אדם; שהרי כאן היה יתכן שהטשעק"ס האחרים יוכנסו להבאנ"ק לפני הטשע"ק שלו, ואז לא הי' מוחזר רק זה הטשעק והי' עליו קנס של טשע"ק אחד.

אבל נראה שחייב בדיני שמים, מאחר שיש כאן משום פשיעה[1], שהרי הזהירו בפירוש שלא להכניס הטשע"ק לבאנ"ק לפני הזמן וגם עשה מעשה שרשם עליו בעט, על כן הי' לו להיזהר ולהחזיקו במקום נפרד וכדומה, כדי שלא יטעה בדבר. ומאחר שלא עשה כן, וגם שוב עשה מעשה בידים במה שנתנו להפקידו בבאנק, יש בו משום פשיעה[2], וחייב עכ"פ בדיני שמים. ומכל מקום טוב שיתפשרו ביניהם.

וואס האט געוואלט ח"ו א סוף מאכן צום אידישן פאלק און זיין תורה!"

נאכ'ן מאכן דעם חשבון פון די געלטער, האט זיך ארויסגעשטעלט אז דיביישטייערונג פון דעם פארפאלק וועט דעקן אזויפיל ווי צוויי דריטל פון אלע קאסטן וואס זענען פארבונדן מיט'ן בויען די מקוה. פאר'ן שאפן דאס לעצטע דריטל, האבן זיך שוין איינגעשפאנט באוואוסטע ברייטהארציגע שטיצער פון אידישקייט-צוועקן, און ביז א קורצע צייט איז שוין געשטאנען אין דעם גייסטיג-וויסטן מושב א פרעכטיגע און מהודר'דיגע מקוה, וואס דינט נאך עד היום די איינוואוינער פון דעם ישוב אין דער פראווינץ-געגנט פון באר שבע.

*

און וואס לערנט אונז אט-די וואונדערליכע געשיכטע? אז מען טאר קיינמאל נישט אונטערשאצן קיין איינציגן איד. א נפש אחת מישראל האט אן אומשאצבארע ווערד. איין אידיש נפש קען בויען וועלטן און דורות. אז די רבנים וואלטן אין יענעם מאמענט אויפגעגעבן די אסיפה און אהיימגעפארן - און דאס וואלט זיך קלאר געפאדערט פון זיך אליין אין אנבליק פון דער ליידיגער שוהל ווען קיינער איז נישט אנגעקומען אהין - וואלט מעגליך ביז'ן היינטיגן טאג נישט אויפגעבויט געווארן קיין מקוה אין דעם ישוב!

און נאך עפעס, והוא העיקר: דער רבוש"ע וויל מ'זאל "טון" מ'דארף נישט "אויפטון". "לא עליך המלאכה לגמור" נאר טון אנע חשבונות. מיר דארפן געדענקען פאר וועמען מיר טוען, און אינזין האבן צו מאכן פאר אים א נחת רוח. מיר דארפן נישט קוקן און זארגן אויף די תוצאות.

ווען מיר טוען מיט אונזער יכולת לויט וויפיל ס'איז אין אונזערע הענט, זענען מיר זוכה צו א געוואלדיגע סייעתא דשמיא בלי גבול ובלי שיעור.

*

**צו מיטטיילן ערשט-האנטיגע מעשיות להנאת אלפי הקוראים ביטע פארבינדט זיך צום הנהלת המכון דורך 4592885mhh@gmail.com, אדער דורכן פעקס 845-517-1692 אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170**

1. כלומר, דבמקום אונס או שוגג של גרמא, פטור גם מדיני שמים, כמו שכתב הש"ך (שפו, סק"ו) דכל דיני דגרמי אינו אלא קנסא דרבנן ופשיטא דפטור באונס כו' וכן אם היה שוגג נמי פטור. ועי' מנחת פתים סי' שפ"ו ס"ג.

2. לענין שכחה, נחלקו הפוסקים אם נחשב כאונס או כפשיעה, עי' מג"א (סי' קח ס"ק יא) לענין שכח להתפלל, ועי' פתחי חשן (דיני פקדון, פ"ג הערה ד) שתי דיעות בזה, ועי' שו"ת אבני ישפה (ח"ב, חו"מ סי' קיד) בשם הגר"ש ובנו הגר"ח וואזנער, לענין שומר ששכח החפץ במקום פלוני דהוה פשיעה גמורה, דכל מה שמצאנו דשכחה הוי אונס הוא רק כשהוצרך להיזכר הדבר אחר זמן מה, שאז יתכן שכשיבא הזמן ישכח ולא יזכר באונס, אבל בשומר שצריך לזכור הדבר כל זמן שמירתו מהרגע הראשון ואילך הוה פשיעה גמורה, ע"ש. ועי' בספרנו הפרשה בהלכה (פר' משפטים עמ' רלח-ט). ובנידון דידן חמור יותר כיון שעשה מעשה.

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170